**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/14/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול לאזט וויסן פארשריט צו טוישן די פריערדיגע SYRACUSE DEVELOPMENTAL CENTER צו א לעבעדיגע פיל-נוציגע דעוועלאפמענט

***די דעמאלישן פון די לאנג- ליידיגע 600,000 סקווער- פיסיגע סטרוקטור וועט מאכן פלאץ פאר מער ווי 250 נייע הייזער, 7.5 עיקער פון גערטנער, און 3,600 סקווער פיס פון געשעפטן אלס חלק פון די ערשטע פאזע קאנסטרוקשן***

***אינוועסטירונג געבט צו צו 'CNY Rising' — די ראיאן'ס ברייטע פלאן צו אויפלעבן קאמיוניטיס און הייבן די עקאנאמיע***

***מ'קען באקומען די מאפע פון די פלאץ [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געלאזט וויסן פארשריט אין די 100 מיליאן דאלערדיגע טראנספארמאציע פון די פריערדיגע סיראקוס דעוועלאפמענטל סענטער אין א אויפגעלעבטע, פיל-נוציגע דעוועלאפמענט אין די שטאט סיראקוס. די דעמאלישן ארבעט האט זיך אנגעהויבן ביי 800-2 S. Wilbur Avenue, מאכנדיג פלאץ פאר מער ווי 250 נייע הייזער, 7.5 עיקער פון גערטנער, און 3,600 סקווער פיס פון האנדל-געשעפטן אלס חלק פון די ערשטע פאזע פון איבערבויענג און צוריק אנטוויקלען די פלאץ. די פראיעקט וועלכע באקומט ביז צו 29 מיליאן דאלער פון סטעיט פינאנצירונג, וועט העלפן שטיצן די סטעיטס ציל צו פארמערן פלעצער אין ניו יארק צו וואוינען מיט נייע מארק-ראטעס און באצאלבארע מעגליכקייטן און אוועקשטעלן לאקאלע ארבעט מעגליכקייטן צו העלפן פירן די לאקאלע עקאנאמיע.

"מיטן אנהויבן דעמאלישן, טראנספארמירן מיר די לאנג-פארלאזטע סיראקוס דעוועלאפמענטאל סענטער צו -הויכע קוואליטעט, פיל-נוציגע, מיט פארשידנארטיגע הכנסות- וואוינפלאץ וואס וועט אויפלעבן די קאמיונטי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מ'פארדינט נישט טראנספאמירטע פראיעקטן אזוויי מיקראן אן צו בויען און אינוועסטירן, און מיר ווען ווייטער ארבעטן מיט לאקאלע פירערס אזוויי מעיאר וואלש ווייטער צו בויען די הייזער וואס מיר דארפן, ווייטער אינוועסטירן אין נייע געלעגנהייטן, און ווייטער ארבעטן צו א עקאנאמיע פון די צוקונפט."

**סיראקוס מעיאר בען וואלש האט געזאגט,** "דעמאלישן פון די פריערדיגע סיראקוס דעוועלאפמענטל סענטער איז א קריטישע שריט לגבי די לאנג ערווארטעטע טראנספארמאציע פון די פראפערטי. די פלאץ איז געווען ווי א דארן און אויג און עפנטליכע זיכערהייט פראבלעם פאר יארן. עס צוריקצובאקומען אויף די טעקס ראל און פאר פראדוקטיווע נוצן וועט זיין א שטופ פאר ווייטערדיגע אינוועסטירונג אין סיראכוס מערב זייט. די 47 עיקר שטח איז דאס גוט אוועקגעשטעלט נאכצוקומען די וואקסנדע געברויך פאר קוואליטעטפולע פארשידענע הכנסות האוזינג און היי-טעק פאבריצירונג פלאץ אין סיראכוס. איך דאנק

גאווערנאר האקול פארן מאכן די לאנג ערווארטעטע טראנספאמירנדע פארשידן-נוציגע פראיעקט א פאקט."

די איבערבוי פון די 600,000 סקווער פיסיגע סיראקוס דעוועלאפמענטל סענטער איז א פראיעקט מיט אפאר פאזעס און פארשידענע נוצן וואס וועט אריינגעמען הונדערטער נייע יוניטס צו וואוינען און פארגעשריטענע פאבריצירונג פלאץ מיט אפיסעס, פרישע נייע גערטנער און געשעפטן. די ערשטע פאזע פון די פראיעקט,וואס איז באשטימט זיך אנצופאנגען אין די ענדע 2025, וועט אריינעמען מער ווי 250 נייע יוניטס צום וואוינען, 7.5 עיקער פון גערטנער, און 3,600 סקווער פיס פון געשעפטן. די פראיעקט וועט העלפן סיראקוס און די ארומנעמענדע צענטראלע ניו יארק געגנט זיך אנגרייטן פאר די אנקום פון מיקראן, וועמענס 100 ביליאן דאלערדיגע אונטערנעמונג צו בויען א נייע קאמפוס אין די טאון אוו קלעי וועט שאפן 50,000 נייע ארבעטס געלעגנהייטן איבער די נעקסטע 20 יאר.

סטעיט פינאנצירונג וועט שטיצן די פאר-דעוועלאפמענט פלאץ אנגרייטונג ארבעט, אריינרעכנדיג די דעמאלישן און פאריכטן פון די עקזיסטירנדע סטרוקטורן אין די פלאץ ווי אויך אלס אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג צו פארבערייטערן וואסער און סוער ליניעס, גאסן און טראטוארן, פלאנצן ביימער, דעכער און לעקטערס דורכאויס די פלאץ. מאהאווק וועלי קאנטראקטער ריטער & פאראטאר קאנטרעקטינג .Inc איז אויסגעוועלט געווארן צו אונטערנעמען די דעמאלישן און ארומנעמענדע פאריכטונגען פון די עקזיסטירנדע סטרוקטורן און סארטירונג פון די דעמאלישן פלאץ.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO & קאמישענער האפ נייט האט געזאגט,** "די צוריקאויפבוי פון די פארלאזטע סיראקוס דעוועלאפמענטל סענטער שלאגט פאר א פאראויס-טראכטנדיגע געלעגנהייט צו אדרעסירן צענטראל ניו יארק'ס לאנג טערמיניגע געגנט פריאריטעטן. אינספירירט פון גאווערנער האקול'ס שטארקע אונטערנעמונג צו סיי פארברייטערן די עקאנאמיע און צוצושטעלן ביליגערע געלעגנהייטן, אונזער אינוועסטירונג אין די פראיעקט וועט שאפן דזשאבס און וואוינונג געלעגנהייטן אין סיראקוס און די ברייטערע קאמיוניטי פאר די קומענדיגע יארן."

**ניו יארק סטעיט הייזער און קאמיוניטי באנייאונגס קאמישאנער רות אננא וויסנאסקאס,** "די 29 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג איז א זייער וויכטיגע ערשטע שטאפל צו פארוויקליכן די פולשטענדיגע טראנספארמאציע פון א פארלאזטע קאמפוס צוריק צו א בליענדיגע קאמיוניטי. HCR קוקט ארויס צו העלפן די שטאט פון סיראקוס פארוויקליכן די פולע פאטענציאל פון די פלאץ, מיט וויינינגסטנס 250 נייע הייזער, געזונטע אפענע פלעצער, געשעפטן און ארבעט טרענירונג פלעצער. דאס איז א גרויסע שריט פאראויס און איך לויב אויס גאווערנער האקול'ס פלענער און די אונטערנעמונג פון די לעגיסלעיטאר און אלע שותפים וואס מאכן די פראיעקט מעגליך. מיר זענען אין דעם אלע צוזאמען און גייען צו א ליכטיגערע צוקונפט."

**סטעיט סענאטאר דזשאן וו. מאנניאן האט געזאגט,** "אלס א לעבנסלענגליכע צענטראלע ניו יארקער וואס האט מיטגעהאלטן די קאמפעניס, און די דזשאבס פארלאזן אין די זיביציגער, אכציגער, און ניינציגערס- ס'איז אומגלויבליך צו זיין א חלק פון די אוילעבונג וואס מיר זעען דורכאויס די געגנט. טראנספארמירן די פריערדיגע סיראקוס דעוועלאפמענטל סענטער פלאץ צו א נייע פארשידן- נוציגע האוזינג און פאבריצירונג פונקט גייט צוריק יארן פון פלאג און שטאטישע פארדארבונג. איך לויב אויס גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדיגע פאקוס אויף די געברויכן פון צענטראל ניו יארק און איך בין אויפגעהייטערט צו זען די פאזיטיווע השפעה וואס די דעוועלאפמענט וועט האבן אויף אונזערע קאמיוניטס."

**סטעיט סענאטער רעיטשל מעי האט געזאגט.**" די טראנספארמאציע פון די סיראקוס דעוועלאפמענטל סענטער פלאץ איז א לאנג ערווארטעטע שריט צו ווייטער בויען אויף סיראקוס'ס פארשריט. דאס איז א

גוטע געלעגנהייט צו איבערדרייען די לאנג-נאכגעלאזטע פלאץ צו א פארשידן- נוציגע אייגנטום, אריינרעכנענדיג צוגענגליכע הייזער. מיט אונזער הייזער קריזיס און די אנקום פון מיקראן, דארפן מיר וויכטיג אויסברייטערן אונזער הייזער מעגליכקייטן, און די פראיעקט, צוזאמען מיט אנדערע, איז א שריט אין די ריכטיגע ריכטונג. א דאנק גאווערנאר האקול פאר איר נאכאנאנדע איבערגעגעבנקייט צו אויפלעבן די געגנט פאר די נוצן פון די צענטראל ניו יארק איינוואוינער."

**אסעמבלימעמבער וויליאם מאגנארעלי האט געזאגט,** "אלס א יונגער מענטש האב איך גראדע געארבעט אויף די קאנסטראקשן פון די סיראקוס דעוועלאפמענטל סענטער. כאטש ס'ברענגט צוריק זכרונות, איז די דעמאלישן וויכטיג און וועט ברענגען נוצן נישט נאר פאר די מערב זייט פון סיראקוס נאר פאר די גאנצע שטאט. איך קוק זייער פאראויס צו די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט און לויב גאווערנער האקול פאר איר שטיצע."

**אסעמלימעמבער פאמעלא האנטער האט געזאגט,** "די דעמאלישן פון די פריערדיגע סיראקוס דעוועלאפמענטל סענטער צייכנט אפ א באדייטנדע צייט אין אונזער אנגייענדע אנשטרענגונג צו צוריקאויפלעבן סענטראל ניו יארק. די 29 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג, אנגעפירט דורך גאווערנער האקול, וועט טראנספארמירן א ליידיגע פלאץ צו א לעבעדיגע פלאץ פון עקאנאמישע אקטיוויטעטן און פארשידענע הכנסותדיגע הייזער דורך אדרעסירן סיי קאמערציאלע און רעזידענציעלע געברויכן, וועט די פראיעקט נישט נאר צושטעלן ארבעטס געלעגנהייטן נאר אויך צושטעלן נויטיגע אפארדעבל הייזער פאר אונזער וואקסנדע קאמיוניטי. איך בין אויפגעהייטערט צו זען די פאזיטיווע השפעה וואס די דעוועלאפמענט וועט האבן אויף סיראקוס און די ברייטערע געגנט, און איך לויב אויס יעדער וואס איז אריינגעמישט פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו מאכן די פלענער א פאקט."

**אנאנדאגא קאונטי עקסעקיוטיוו ריען מכמאהאן האט געזאגט,** "אלס א וואקסנדע קאמיוניטי, איז וויכטיג צו מאכן סטראטעגישע אינוועסטירונגען סיי אין די ארבעטפעלד און אין הייזער. אונז דארפן די צוגעשטעלטע מיטלען צו טרענירן מענטשפן פאר די צוקונפטיגע ארבעט און פארזיכערן אז זיי האבן א פלאץ צו וואוינען. די ווידעראויפבוי פון די סיראקוס דעוועלאפמענטל סענטער שטעלט צו דאס אלעס און נאכמער. היינט ווערט אפגעצייכנט א וויכטיגע שטאפל אין מאכן די ווידעראויפבוי א פאקט און איך וויל באדאנקען אלע שותפים וואס האבן געארבעט צוזאמען צו מאכן די היינט מעגליך."

**פארשנעלערן "CNY Rising" (צענטראל ניו יארק - זיך אויפהייבנדיג)**

די היינטיגע אויסרוף באגלייט "CNY Rising" די ראיאן'ס ברייטע פלאן צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש-פלאנירטער אויסלייג וועט זיך קאנצענטרירן אויף קאפיטאליזירן אויף אינטערנאציאנאלע האנדל געלעגנהייטן, פארשטערקערן ענטרעפּרענורשאפט און שאפן אן אינקלוסיווע עקאנאמיע. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט דא.

**וועגן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור (www.esd.ny.gov). די מיסיע פון ESD איז צו שטופן פאר אן אויפגעלעבטע און וואקסנדע עקאנאמיע, ערמוטיגן דאס שאפן נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפטן פאר די סטעיט און אירע לאקאלע רעגירונגען, און ערררייכן סטאבילע און פארשידנארטיגע לאקאלע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט איבערזעהן די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין, די

סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן